סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חִיזוק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דורְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## שַׁבָּת שׁוּבָה

תשפ"ד

316

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

סֵדֶר הַנְּסִיעָה אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת ה׳תשפ״ד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מִיר זֶענֶען נֶעכְטְן צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אוּמַאן, פוּן זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי צְוָואנְצִיג דָאלֶער פַאר פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳. דַיין בְּרוּדֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אִין אוּמַאן, דַיין טַאטֶע הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אַז דוּ הָאסְט זֵייעֶר שֵׁיין גֶעדַאוֶוענְט אַלֶע תְּפִילוֹת, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַ מִנְיָן אִין שְׁטֶעטְל אוּן זָארְגְן אַז דִי פְּרוֹיעֶן זָאלְן קֶענֶען הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן.

הֱיוֹת דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען דִי יָאר קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי׳ן צוּלִיבּ דַיינֶע שְׁרִיפְטְן וְכוּ׳ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אִיךְ וֶועל דִיר אָפְּשְׁרַייבְּן אַבִּיסְל פוּן מַיין נְסִיעָה דִי יָאר, שְׁנַת תשפ״ד.

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן אַלֶעס, בִּפְרַט דִי הַרְגָּשָׁה, דִי גֶעפִילְן - וָואס מֶען שְׁפִּירְט, אוּן פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין אִין אוּמַאן. דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אַבִּיסְל רָאשֵׁי פְּרָקִים, זָאלְסְט וִויסְן אוּן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע זָאלְן וִויסְן אַז אוּנְזֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֵיילִיג אוּן רֵיין, נִישְׁט וִוי דִי לֵצִים זָאגְן אַז אוּמַאן אִיז הוֹלְלוֹת חַס וְשָׁלוֹם, עַפְרָא לְפוּמֵייהוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז פַארְשְׁרַייבְּן בְּסִפְרָן שֶׁל צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ לֶעבְּן אַ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אַ לֶעבְּן מִיט קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, אָמֵן.

*נְסִיעָה לְאוּמַאן שְׁנַת תשפ״ד*

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זֶענֶען מִיר אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן נְיוּ יָארק מָאנְטָאג פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, כ״ה אֱלוּל - קַיין אוּמַאן, צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶענוּמֶען מַיינֶע קִינְדֶער; הֶחָתָן שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר, נַחְמָן נָתָן נֵרוֹ יָאִיר, יִצְחָק דָוִד נֵרוֹ יָאִיר, הֶערְשְׁל נֵרוֹ יָאִיר אוּן אוֹיךְ מַיין זוּן יוֹסֵף נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ נֶעם מִיט מַיינֶע זִין פוּן דִי זֶעקְס יָאר, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקיז): "אֲנִי בָּטוּחַ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁכָּל תִּינוֹק שֶׁיָּבֹא לְפָנַי קוֹדֶם שֶׁיַּגִּיעַ לְבֶן שֶׁבַע שָׁנִים, בְּוַדַּאי יִהְיֶה נָקִי מִן הַחֵטְא עַד יוֹם חֲתֻנָּתוֹ", וֶוער עֶס וֶועט בְּרֶענְגֶען צוּ מִיר אַ קִינְד אֵיידֶער עֶר וֶוערְט זִיבְּן יָאר - וֶועט עֶר גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיינֶע הֶעמְד", מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, אַז דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן הַיינְט; אַז מֶען בְּרֶענְגְט אַ קִינְד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אֵיידֶער עֶר וֶוערְט זִיבְּן יָאר - וֶועט עֶר גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיינֶע הֶעמְד, אָן קַיין פְּגַם.

אוֹיךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער; הָרַב שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר, הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים אוּן מַיין אֵיידֶעם הָרַב נְתַנְאֵל נֵרוֹ יָאִיר. דָאס אִיז מַיין גְרֶעסְטֶע פַּארְמֶעגְן, אַז מַיינֶע אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַ חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זֵיי פָאלְגְן דִי עֵצוֹת; זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, זֵיי לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ הָאבּ חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וָואס דִי קִינְדֶער קוּמֶען נִישְׁט קַיין אוּמַאן, דִי קִינְדֶער שֶׁעמֶען זִיךְ מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס אַז מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסָד וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט. פֶערְצְן יָאר צוּרִיק, פֶּסַח שְׁנַת תש"ע - הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן מַיינֶע צְוֵויי עֶלְצְטֶע זִין, שְׁלֹמֹה אוּן אֶלְחָנָן חַיִּים, מַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע חֵטְא אִיז גֶעוֶוען אַז אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער יְשִׁיבָה אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען בָּחוּרִים, דֶעמָאלְט הָאט דָאס אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, אוּן זֵיי - דִי אַרוֹיסְוַוארְפֶערְס - הָאבְּן טַאקֶע דָאס גֶעוָואלְט, אָבֶּער פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען גָאר אַ גְרוֹיסֶער נֵס, "וְאַתֶּם חֲשַׁבְתֶּם עָלַי רָעָה אֱלֹקִים חֲשָׁבָהּ לְטֹבָה" (בְּרֵאשִׁית נ, יט), זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס גֶעמַאכְט פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, "לְמַעַן עֲשֹׂה כַּיּוֹם הַזֶּה לְהַחֲיֹת עַם רָב", אַז מִיר זָאלְן עֶפֶענֶען אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

### *אַ נֵס אַז מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת*

אִיךְ טְרַאכְט אַסַאךְ, וָואס וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען שְׁפֶּעט פוּן צַדִּיקִים, מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן רֶבִּי'ן? וָואלְטְן אֶפְשָׁר מַיינֶע קִינְדֶער גֶעוָוארְן צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעדְרוּקְט, זֵיי וָואלְטְן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט מִיט זֵייעֶר טַאטֶע, זֵיי וָואלְטְן בַּאקוּמֶען אַ פַּיינְטְשַׁאפְט צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת... אִיז דָאס מַמָּשׁ אַ נֵס אַז מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת, צוּבִּיסְלִיךְ עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף נָאךְ אַ חֶדֶר, נָאךְ אַ בֵּית פֵּיגָא - אִין נָאךְ אַ שְׁטָאט אוּן אִין נָאךְ אַ גֶעגְנְט; אַזוֹי קֶענֶען מִיר מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, מִיט אַ גֶעפִיל צוּ צַדִּיקִים.

דִי יָאר בִּין אִיךְ גֶעפָארְן מִיט אַ גַאנְצֶע פְּלִיגֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים. הָאבְרֵךְ אֶלִי' קְנָאלל, אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, עֶר אִיז פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע צֶען תַּלְמִידִים וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה. עֶר הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ טְשַׁארְטֶער פְּלִיגֶער מָאנְטָאג, רוֹב רֻבָּם תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; וֶוער הָאט דָאס גֶעקֶענְט אוֹיסְטְרַאכְטְן, אַז קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאל שׁוֹין אָנְפִילְן צְוֵויי פְּלִיגֶערְס... דִינְסְטָאג אִיז אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן אַ טְשַׁארְטֶער.

אִיךְ גֶעדֶענְק מַיינֶע עֶרְשְׁטֶע יָארְן וָואס אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן פְלֶעגְט זַיין אַ טְשַׁארְטֶער, עֶס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִירְט דוּרְךְ אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים. זֵיי הָאבְּן פַיינְט גֶעהַאט מוֹהֲרַנַ"שׁ מִיט אַ פַארְבִּיסְנְקֵייט, עַד כְּדֵי כַּךְ, אֵיין יָאר הָאבְּן זֵיי אַרָאפְּגֶעשְׁטֶעלְט מוֹהֲרַנַ"שׁ פוּן פְלִיגֶער מִיט אַ גְרוֹיסֶע בִּזָּיוֹן. יֶעצְט דַארְפְן זֵיי זִיצְן אוֹיף פְּלִיגֶערְס וָואס רוֹב רֻבָּם זֶענֶען תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוּן דָאס אִיז נָאךְ דִי אָנְפַאנְג פוּן וָואס קוּמְט... נָאךְ אַפָּאר יָאר וֶועלְן אַרוֹיסְפָארְן פוּן שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב צֶענְדְלִיגֶער פְלִיגֶערְס קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

### *אִין עֵירְפָּארְט אִין נְיוּ יָארְק*

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה אִין עֵירְפָּארְט אוּן מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אַרַיינְלֵייגְן דִי פֶּעקְלֶעךְ אוּן מְסַדֵּר זַיין דִי זִיצְן אוֹיפְן פְלִיגֶער. דִי שִׂמְחָה צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אֵין לְשַׁעֵר, אַז מִיר זֶענֶען דִי יָאר נָאכְאַמָאל זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. בִּפְרַט דִי וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי

שְׁוֶוערֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע מְנִיעוֹת - הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן 'נְעִימוֹת', אַ זִיסְקֵייט; דִי חֵשֶׁק וֶוערְט מֶער און שְׁטֶערְקֶער, מֶען קוּמְט שׁוֹין צוּם רֶבִּי'ן, מֶען גֵייט שׁוֹין אָט אָט זַיין בַּיים צִיּוּן קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים.

דִי פְלִיגֶער הָאט גֶעשְׁפֶּעטִיגְט אָבֶער מֶען הָאט דָאס נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, יֶעדֶער אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע אוֹצְרוֹת; אֵיינֶער עֶנְדִיגְט יֶעצְט זַיין חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַ צְוֵוייטֶער שְׁפַּאצִירְט מִיט זַיין "בֵּית נִצְחִי", עֶר לֶערְנְט יֶעצְט אַ בְּלַאט בַּבְלִי, אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי און אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא; יָא, אִין עֶירְפָּארְט, אִין דִי הוּ הַא זִיצְן צֶענְדְלִיגֶער בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט מִיט אַ מִין רוּאִיגְקֵייט וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט... מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען לֶערְנְט בְּגִירְסָא, בָּאֲמִירָה, בְּלִי הֲבָנָה; אַזוֹי הָאט דָאךְ דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "וְאֵין צְרִיכִין בְּלִימוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד", מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן, "לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוֹיף אַ סֵדֶר, "וּמִמֵּילָא יָבִין", און בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין.

אִינְגֶעלַייט הָאבְּן דֶערְצֵיילְט זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי, עֶס אִיז נִישְׁט צוּם פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי מַחְלֹקֶת אִיז אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן; אִיבֶּעְרָאל פָארְן אִידְן אוֹיף ראֹש הַשָּׁנָה צוּ זֵייעֶרֶע רֶבִּי'ס, אַלֶע פָארְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע טֶעג צוּ גוּטֶע אִידְן. עֶס אִיז דָא פְלֶעצֶער וואוּ מֶען פָארְט פוּן פַאר ראֹש הַשָּׁנָה בִּיז נָאךְ יוֹם הַקָּדוֹשׁ - וְאֵין פּוֹצֶה פֶּה, קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט, קֵיינֶער לַאכְט נִישְׁט, קֵיינֶער קְרִיגְט נִישְׁט, און וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אוּמַאן - וֶוערְט אַ פֵייעֶר, וֶוערְט אַ קְרִיג, הִימְל און עֶרְד דְרֵייט זִיךְ אִיבֶער, הֲיִתָּכֵן מֶען פָארְט אַוֶועק? הֲיִתָּכֵן מֶען לָאזְט אִיבֶער דִי שְׁטוּבּ? עַד כְּדֵי כַּךְ מֶען אִיז גְרֵייט אוֹיף רְצִיחָה, מֶען הֶעצְט אָן דִי וַוייבּ אוֹיפְן מַאן צוּלִיבּ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַארְבְּרֶעךְ, עֶר פָארְט צוּ אַ צַדִיק אוֹיף ראֹש הַשָּׁנָה...

עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזֶעלְכֶע רְדִיפוֹת וָואס אֲפִילוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער. מִיר וֵוייסְן אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעלִיטְן פוּן אַלֶע זַייטְן, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעלִיטְן צָרוֹת, רְדִיפוֹת - וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער, אָבֶער אֵיין זַאךְ אִיז עֶר נִישְׁט אַרִיבֶּער, וַוייל וֶוען מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהֶעצְט זַיין וַוייבּ קֶעגְן אִים, הָאט אִיר טַאטֶע - רֶבִּי נָתָן'ס

שְׁוֶוער - רֶבִּי דָוִד צְבִי זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה - אִיר גֶעפְרֶעגְט: "זָאג מִיר טָאכְטֶער לֶעבְּן, דַיין מַאן נָתָן, זַייט עֶר אִיז בְּרֶסְלֶב - לֶערְנְט עֶר? דַאוֶּוענְט עֶר?" הָאט זִי גֶעזָאגְט: "טַאטֶע, דוּ וֵוייסְט אַז מַיין מַאן הָאט אַלְץ גֶעלֶערְנְט אוּן אַלְץ גֶעדַאוֶּוענְט, אָבֶּער זַייט עֶר אִיז מְקוּרָב אִין בְּרֶסְלֶב - אִיז זַיין הַתְמָדָה אוּן זַיין תְּפִלָּה אַסַאך שְׁטֶערְקֶער", הָאט רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיר גֶעזָאגְט: "טָאכְטֶער, בְּלַייבּ מִיט דַיין מַאן אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פַּרְנָסָה - זָאלְסְטוּ אַקֶערְן מִיט דִי נָאז (אַן אוֹיסְדְרוּק אוֹיף שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן) צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן נִישְׁט שְׁטֶערְן דַיין מַאן פוּן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם"; רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוער וָואס זָאל אַהֵיימְשְׁלֶעפְּן זַיין טָאכְטֶער, רֶבִּי נָתָן'ס שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מֵעִיד גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "דַיין שְׁוֶוער אִיז אַ צַדִּיק".

הַיינְט זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס דִי שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער זֶענֶען גְרֵייט אוֹיף רְצִיחָה, אַבִּי נִצָּחוֹן, אַבִּי אוֹיסְפִירְן; זֵיי הֶעצְן אוֹיף דִי וַוייבּ זָאל אָפְּלָאזְן, צֶעבְּרֶעכְן דִי מִשְׁפָּחָה - פַאר גַּאֲוָה אוּן נִצָּחוֹן; דָאס אִיז מְנִיעוֹת וָואס אִיז גֶעפֶערְלִיך, וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּבּ, מֶען דַארְף אַלֶעס טוּן נִישְׁט צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּבּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אָבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קוּמֶען, הָאבְּן אִים אַפָּאר הִיצִיגֶע חֲבֵרִים צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל פַארְקוֹיפְן זַיין וַוייבְּ'ס שְׁטֶערְן טִיכְל, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן, אָבֶּער זַיין חָבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט דָאס טוּן אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעפָאלְגְט אוּן עֶר הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מַכִּיר טוֹבָה גֶעוֶוען רֶבִּי נַפְתָּלִי'ן פַארְן אִים מְחַזֵּק זַיין נִישְׁט צוּ טוּן דִי ווִילְדֶע זַאךְ; וָואלְט עֶר דָאס גֶעטוּן - וָואלְט גֶעוָוארְן אַ מַחֲלֹקֶת, אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, אוּן צוּ קֶענֶען זַיין הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיך - דַארְף מֶען הָאבְּן אַ וַוייבּ אוּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

### *אוֹיפְן פְלִיגֶער*

אוֹיפְן פְלִיגֶער בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן נֶעבְּן אוּנְזֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א, מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, דִי הֲלָכוֹת פוּן שׁוֹפָר בְּלָאזְן. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ

גֶעלֶערְנְט פַאר מִיר אַבִּיסְל גְּמָרָא, מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט פַאר צְוֵויי דְרֵיי שָׁעָה און גֶעשְׁטֶעלְט אַ שׁוֹמֵר מִיךְ צוּ וֶועקְן צוּ דַאוֶוענֶען סְלִיחוֹת און שַׁחֲרִית. וֶוען מֶען פָאְרט פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין אֵייָראפֶּע דַארְף מֶען זַיין גֶעוָוארֶענְט צוּ דַאוֶוענֶען וָואס פְרִיעֶר, וַוייל מֶען פָארְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם טָאג און בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז שׁוֹין חֲצוֹת.

מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט סְלִיחוֹת אִינְאֵיינֶעם. דֶער דַיָּין רֶבִּי יוֹנָה הָאט פָארְגֶעזָאגְט, און נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית. מֶען הָאט גֶעזֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד, אֲפִילוּ מֶען אִיז אוֹיסְגֶעקְנַאקְט, מֶען וַואלְגֶערְט זִיךְ שָׁעוֹת אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, דָאךְ, וֶוען עֶס קוּמְט צוּפְרִי - שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ וִוי אַ לֵייבּ צוּ אָנְטוּן טַלִּית וּתְפִילִין, נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד יָא גֶעשְׁלָאפְן נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בַּמִּדְבָּר כג, כד): "הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא", וִוי רַשִׁ"י זָאגְט: "כְּשֶׁהֵן עוֹמְדִין מִשְּׁנָתָם שַׁחֲרִית, הֵן מִתְגַּבְּרִים כְּלָבִיא וְכַאֲרִי, לַחֲטוֹף אֶת הַמִּצְוֹת, לִלְבֹּשׁ טַלִּית, לִקְרֹא אֶת שְׁמַע וּלְהָנִיחַ תְּפִילִין".

## *אִין פּוֹילְן*

דִינְסְטָאג פַארְמִיטָאג הָאבְּן מִיר גֶעלַאנְדֶעט אִין רֵיישָׁא לוּפְט-פֶעלְד, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען.

מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין לִיזֶענְסְק, מִיר הָאבְּן גֶעדַארְפְט וַוארְטְן בִּיז בַּיינַאכְט, דִי בַּאן פוּן פּוֹילְן קַיין אוּקְרֵיינָא פָארְט נָאר אוֹיף דִי נַאכְט, דֶערִיבֶּער זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין לִיזֶענְסְק זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן פוּן דִי נְסִיעָה.

מַיינֶע פְּלֶענֶער זֶענֶען גֶעוֶוען גְלַייךְ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה און לוֹיפְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ פְּלַאן אוֹיסְצוּזָאגְן תְּהִלִּים וְכוּ', לְמַעֲשֶׂה, וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען קַיין לִיזֶענְסְק הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין סַאךְ כֹּחַ, אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אִין דִי אַכְסַנְיָא, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק רֵייזֶע.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, אִיךְ וִויל רוּפְן דִי אַלֶע לֵצִים וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, זֵיי שֶׁענְדְן אוּנְז: "מֶען טוּט זִיךְ וָואס מֶען וִויל און נָאכְדֶעם פָארְט מֶען זִיךְ אוֹיף אוּמַאן און מֶען מֵיינְט מֶען קֶען וַוייטֶער טוּן", אִיךְ עֶנְטְפֶער פַאר דִי אַלֶע, עֶרְשְׁטְנְס מֶען טוּט נִישְׁט וָואס מֶען וִויל, קֵיינֶער וִויל

נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, נִישְׁטָא אַ אִיד וָואס זָאל וֶועלְן זִינְדִיגְן, קַיין אֵיינֶער וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן, נָאר וָואס דֶען, מֶען הָאט אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרָע וָואס בְּרֶענְט אוּן בְּרִיעֶט אוּן מַאכְט מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג.): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", מֶען זִינְדִיגְט נִישְׁט, נָאר נָאכְדֶעם וָואס דִי קְלִיפּוֹת אוּן דִי טוּמְאָה מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ מְשׁוּגָע, נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (אָבוֹת ד, ב): "עֲבֵרָה גוֹרֶרֶת עֲבֵרָה", קוּמְט דָאךְ אוֹיס, אַז מֶען אִיז אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, גֵייט נָאכְדֶעם אַ קֵייט; אֵיין עֲבֵירָה שְׁלֶעפְּט דִי צְוֵוייטֶע, אָבֶער נִישְׁט אַז מֶען וִויל גֵיין קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם. צְוֵוייטְנְס, וָואס שְׁפֶּעט מֶען פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים אַז מֶען פָּארְט אוֹיף אוּמַאן, כְּאִילוּ מִיר זֶענֶען הוּלְטַייעֶס, מִיר פָּארְן אַוֶועק יוֹם טוֹב הוּלְיֶען? זָאלְן דִי לֵצִים קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן אַ נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז, וִוי צֶעבְּרָאכְן דֶער גוּף וֶוערְט, בִּפְרַט דִי יָארְן פוּן מִלְחָמָה, וָואס דִי לוּפְט אִיז פַארְמַאכְט, מֶען קֶען אַרַיין אִין אוּקְרַיינָא נָאר דוּרְךְ דִי עֶרְד, מֶען דַארְף פָּארְן פוּן אֵיין מְדִינָה צוּם צְוֵוייטְן, מֶען וַואלְגֶערְט זִיךְ פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן; אַלֶעס נָאר וַוייל מֶען וִויל טוּן דִי ווִילְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען וִויל מְתַקֵּן זַיין וָואס מֶען הָאט מְקַלְקֵל גֶעוֶועןְ. אַפָּאר מָאל אִינְמִיטְן דִי וֶועג בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וִוי יוּנְג אוּן אַלְט שְׁלֶעפְּן זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער אוּן פֶּעקְלֶעךְ, אַרַיין אִין קַאר, אַרוֹיס פוּן קַאר, אַרַיין אִין בָּאס, אַרוֹיס פוּן בָּאס, אַרַיין אִין בַּאן אַרוֹיס פוּן בַּאן, יֶעצְט נָאכְאַמָאל אַרַיין אִין בָּאס; מֶען קֶען אַרָאפְּגֵיין פוּן זִין, דָאךְ טוּעֶן דָאס אַלֶע מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מֶען מַאכְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ, מֶען פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ הַאלְטְן רוּאִיג; דָאס מֵיינְט 'מֶען פָּארְט זִיךְ אוֹיף אוּמַאן אוּן מֶען טוּט זִיךְ וָואס מֶען וִויל'?

***שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ***

פָּארִיגֶע וָואךְ הָאט אַ בַּעַל דַּרְשָׁן גֶערֶעדְט מִיט גְרוֹיס חוּצְפָּה אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה), מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט צְוֵויי עֵדִים, אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט קוּמֶען קַיין אוּמַאן צוּ זַיין קֶבֶר אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּתוֹ אוּן

זָאגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים ... אֲפִילוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְרוּ עֲווֹנוֹתָיו - "וֶועל אִיךְ אִים מְתַקֵּן זַיין, אִיךְ וֶועל אִים אַרוֹיסְצִיעֶן בַּיי דִי פֵּיאוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"; ווִי שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּ שְׁפֶּעטְן פוּן וֶוערְטֶער פוּן אַ צַדִּיק? דֶער בַּעַל דַּרְשָׁן הָאט אוֹיפְגֶעהֶעצְט אַן עֵדָה קְדוֹשָׁה, טֵייעֶרֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן - קֶעגְן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, כְּאִילוּ מִיר גְלֵייבְּן נִישְׁט אִין שְׂכַר וְעוֹנֶשׁ, אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, ווִי קֶען מֶען רֶעדְן אַזֶעלְכֶע לָשׁוֹן הָרָע אוּן הוֹצָאַת שֵׁם רַע אוֹיף בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, אַז מִיר גְלֵייבְּן נִישְׁט אִין דִי אֲנִי מַאֲמִין פוּן שְׂכַר וְעֹנֶשׁ... בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה), מִיר זָאלְן טוּן עֲבוֹדוֹת וָואס גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים טוּעֶן, פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אָפְּזִינְדֶערְן פוּן אַלֶעס פוּן דֶער וֶועלְט, גֵיין אִין אַ זַייטִיגֶע פְּלַאץ, אַ שְׁטִילֶע ווִינְקֶעלֶע אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, אַלֶע נְפִילוֹת, אַלֶע יְרִידוֹת וְכוּ' וְכוּ', אוּן אִים בֶּעטְן מִיט אַ גֶעבֶּעט עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְזֶער נְשָׁמָה, מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְפַאלְן גֵיין. מִיר מַאכְן זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ יֶעדְן טָאג, וֶוערְט רֶעדְט נָאךְ וָואס טוּט זִיךְ בַּיים צִיּוּן, דִי בְּכִיּוֹת, דִי צְעָקוֹת, דִי ווִדּוּי דְבָרִים; דָאס זֶעט מֶען נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אִיז ווִי קֶען מֶען זָאגְן אַזַא גְרָאבֶּע לָשׁוֹן הָרָע, אַז מִיר גְלֵייבְּן נִישְׁט אִין שְׂכַר וָעֹנֶשׁ...

וֶוען דִי בָּחוּרִים הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט פוּן דִי דְרָשָׁה וְכוּ', זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ הֶערְן אַפָּאר מִינוּט פוּן דִי דְרָשָׁה, הָאט מִיר דָאס אַזוֹי וֵויי גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר טֵייעֶר אוּן הֵיילִיג, וָואס זָאל מֶען טוּן אַז בַּעֲלֵי דַּרְשָׁנִים רֶעדְן אוּן הֶעצְן אוֹיף דִי מַאסְן קֶעגְן צַדִּיקִים; ווִיפִיל בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס רַייסְן זִיךְ מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט קַיין וֶועג אִין לֶעבְּן, אוּן נָאר דֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע עֵצוֹת הָאט דִי כֹּחַ זֵיי צוּ אוֹיסְהֵיילְן, זֵיי צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַּרְגָּא אִין דִי קְדוּשָׁה, אוּן צוּלִיבּ דִי מְחוּצָפִּים רֶעדְנֶערְס, וָואס רֶעדְן אוֹיפְן רֶבִּי'ן אוּן מַאכְן חוֹזֶק - קֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְנֶעמֶען מֶער דִי עֵצוֹת".

*לִיזֶענְסְק*

צוּרִיק וִוי מִיר הַאלְטְן בַּיי דִי נְסִיעָה, נָאכְן זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה מַעֲרִיב אוּן זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַבִּיסְל דִי כֹּחוֹת, גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן גֶעמַאכְט אַבִּיסְל וִודּוּי דְבָרִים אוּן אַבִּיסְל גֶעבֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

*פְּשֶׁעמִישְׁל*

פוּן לִיזֶענְסְק זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין פְּשֶׁעמִישְׁל צוּם בַּאן סְטַאנְצְיֶע, אַ וֶועג פוּן אַ שָׁעָה. מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן מִיטְן בַּאן אַזוֹי וִוי פַארְאַיָאר, פוּן פּוֹילְן קַיין אוּקְרֵיינָא. אוֹיפְן בַּאן זֶענֶען גֶעוֶוען נָאךְ אִידְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן פוּן אַמֶערִיקֶע. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִשְׁפַּחַת עֶסְטְרֵייכֶער, קִינְדֶער פוּן הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה עֶסְטְרֵייכֶער שְׁלִיטָ"א, חַדְבַּ"ן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ זֵיי, אִיךְ הָאבּ זֵיי בַּאגְרִיסְט, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לִיבּ מוֹהֲרָא"שׁ, אִיז אוֹיטָאמַאטִישׁ הָאט מֶען לִיבּ דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ. אִיךְ קוּם מַיין לֶעבְּן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ, אֲפִילוּ מֶען קוּקְט מִיךְ אָן, מֶען פְרֶעגְט: "וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ נַארִישׁ, וָואס הָאט דִיר גֶעפֶעלְט פַארְדֶעם?" בִּפְרַט מַיין מִשְׁפָּחָה, וֶוען זֵיי הֶערְן דִי וֶוערְטֶער 'אִיךְ קוּם מַיין לֶעבְּן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ' פְרֶעגְן זֵיי, 'וָואס...?'

דֶער אֱמֶת אִיז, וָואס קֶען מֶען יֶענֶעם זָאגְן... אַז דֶער צַדִּיק מַאכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן הוֹיבְּסְטוּ אָן זֶען אוּן שְׁפִּירְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוֹיבְּסְט אָן לֶעבְּן מִיט אַזַא אֱמוּנָה, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, מֶען שְׁמוּעֶסְט אוּן מֶען רֶעדְט מִיט אִים יֶעדֶע זַאךְ, מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַנְדֶערֶע וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק.

*אוֹיפְן בַּאן*

אוֹיפְן בַּאן הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִיטְן דַיָּין אוּן מַיינֶע קִינְדֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט מִשְׁנָה בְּרוּרָה הִלְכוֹת תְּקִיעַת שׁוֹפָר. נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אַבִּיסְל אַיינְגֶעדְרִימְלְט, פַאר אַ שָׁעָה מִיט אַ הַאלְבּ. נָאכְן אוֹיפְשְׁטֵיין הָאבּ אִיךְ זִיךְ

אָפְּגֶעגָאסְן נְטִילַת יָדַיִם און גֶעזָאגְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעזָאגְט סְלִיחוֹת, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית.

מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַרָאפּ פוּן בַּאן בַּיים אַרִיבֶּערְגֵיין דִי גְרֶענִיץ, דִי אוּקְרֵיינֶער זֶעלְנֶער זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיפְן בַּאן און בַּאקוּקְט יֶעדְנְ׳ס פַּאסְפָּארְט. אוֹיךְ זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען מִיט שְׁמֶעק הִינְט בַּאקוּקְן דִי רֶענְצְלֶעךְ. מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען מִיר אַלֶע אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם און מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען מִיטְוָואךְ צוּפְרִי אַכְט אַזֵייגֶער קַיין וִוינִיצְיֶע. אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט דִי פֶּעק פוּנֶעם בַּאן; פוּן אֵיין זַייט זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען גָאר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען מִיר גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִין אוּקְרֵיינֶע און נָאךְ אַבִּיסְל קוּמֶען מִיר אָן קַיין אוּמַאן.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן מִיט בָּאסֶעס קַיין אוּמַאן, אַ נְסִיעָה פוּן בְּעֶרֶךְ צְוֵויי שָׁעָה. מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אוֹיפְן וֶועג: "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ" - אַ רֶבִּי וָואס בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ רֶבִּי וָואס וֶועקְט אוּנְז אוֹיף פוּן שְׁלָאף; מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען פוּן תַּכְלִית, מִיר זָאלְן אַרַיינְכַאפְּן תּוֹרָה וּמִצְווֹת און נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

*אוּמַאן*

מִיטְוָואךְ צְוֶועלְף אַזֵייגֶער זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן. אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט מַיינֶע רֶענְצְלֶעךְ אִין מַיין צִימֶער, גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה און גְלַייךְ גֶענוּמֶען דֶעם שָׁאטְל צוּם צִיוּן מִיט מַיינֶע זִין. מִיר הָאבְּן גֶעגֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה און אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעזָאגְט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הֵייס בַּיים צִיוּן און מִיר אִיז שִׁיעוּר נִישְׁט שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן, אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ פַאר זִיךְ אַלֵיינְס גֶעזָאגְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי מִיט דִי תְּפִלָּה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, זִיךְ מִשְׁתַּטֵּחַ גֶעוֶוען און גֶעזָאגְט וִודּוּי דְבָרִים.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקֶענְט אוֹיסְגִיסְן מַיין הַארְץ. דָאס פָארְזָאגְן וָוארְט בַּיי וָוארְט פַאר מַיינֶע זִין הָאט מִיךְ זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, אוֹיף דֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט דִי כֹּחוֹת; אָבֶּער פַאר מִיר אַלֵיין אִיז מִיר נִישְׁט גֶעוֶוען שְׁוֶוער

צוּ שְׁטֵיין דָארְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קַיין הִיץ; וֶוען דוּ קֶענְסְט זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ - כְּיְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ - שְׁפִּירְט מֶען גָארְנִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט פַּאר צְוֵויי דְרֵיי שָׁעָה, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ פָּארְגֶעלֶערְנְט פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶעם דַף גְמָרָא. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אוּנְטֶערְשְׁטֶעלִיג מִיט אַ בְּלַאט, וַוייל אִין לִיזֶענְסְק הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פָּארְגֶעלֶערְנְט. מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מַסֶּכֶת קִידוּשִׁין דַף ל, מִיר הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ מֶעדֶעצִין פַּאר דִי נִסְיוֹנוֹת, "אִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה", אוֹיבּ לֶערְנְט אִיר תּוֹרָה, "אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף עֶנְק; תּוֹרָה נֶעמְט אַוֶועק דִי כֹּחַ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, "וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה", אוֹיבּ לֶערְנְט אִיר נִישְׁט תּוֹרָה, "אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", דֶעמָאלְט הָאט דֶער יֵצֶר הָרָע אַ כֹּחַ אוֹיף אוּנְז. מִיר הָאבְּן אַזוֹי גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, מִיר הָאבְּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן "אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען", אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אַ וֶועג צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֶערְנֶען (כַּמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה מַעֲרִיב. נָאךְ מַעֲרִיב הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט מִיט הָאַבְרֵךְ יִצְחָק פָּאפְּנְהֵיים אַז אִיךְ ווִיל עֶפֶענֶען אַ בֵּית פֵּיגָא אִין טֶבֶרְיָ', עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען מִיר צוּ הֶעלְפְן זַיין מְנַהֵל אוֹיף אוֹיף דִי שׁוּלֶע.

***נָאךְ אַ טָאג אִין אוּמַאן***

דָאנֶערְשְׁטָאג בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פִיר דְרַייסִיג פַּארְטָאגְס, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶע'טוֹבֵל'ט אוּן גֶעלֶערְנְט אַפָּאר בְּלַאט גְמָרָא. אִיךְ הָאבּ פָּארְגֶעזָאגְט סְלִיחוֹת, אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען זָאגְט אִין דֶעם פִּיּוּט (שַׁחַר קַמְתִּי): "וְאֵין לִי לְבַד מִלָּתִי", עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְעוֹלָתִי תְּפִלָּתִי", אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁטָא הַיינְט קַיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן קָרְבָּנוֹת, אִיז אָבֶּער דָא דָאס דַאוֶוענֶען, "תּוֹדָתִי זְבִיחָתִי", דָאס וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְוַדֶּה - דָאס אִיז בִּמְקוֹם קָרְבָּנוֹת,

"שִׂיחָתִי מִנְחָתִי", דָאס שְׁמוּעֶסְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער - דָאס אִיז מַיין קָרְבָּן; דִי וֶוערְטֶער פוּן סְלִיחוֹת אִיז אַזוֹי צוּקֶערְדִיג, וִוי מִיר זָאגְן אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן טַאקֶע גָארְנִישְׁט, "לְבַד בְּךָ אַזְכִּיר שִׁמְךָ מָעוֹז צוּר יְשׁוּעָתִי", אָבֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער הָאבְּן מִיר אוּן אִים וֶועלְן מִיר נִישְׁט אָפְּלָאזְן.

שַׁחֲרִית אִיז דֶער דַיָין גֶעוֶוען בַּעַל תְּפִלָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַגּוֹמֵל. דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט - יֶעדֶער בַּאזוּנְדֶער - דִי בְּרָכָה, אַלֶע הָאבְּן מִיר אִינְזִין גֶעהַאט **'מִיר דַאנְקֶען דִיךְ טַאטֶע אַז דוּ טוּסְט מִיט אוּנְז אַזוֹיפִיל גוּטְס, אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַזַא רֶבִּי וָואס נֶעמְט אוּנְז פוּן וואוּ מִיר זֶענֶען אוּן הָאט אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז אוּן בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת'.**

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבּ אִיךְ פָּארְגֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא, מַסֶּכֶת קִידוּשִׁין דַף לא. דִי גְּמָרָא רֶעדְט פוּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען אָפְּגֶעכַאפְּט מֶען קֶען דָאס אוֹיסְהֶערְן, עֶס אִיז כְּדַאי צוּ הֶערְן, אִין אוּמַאן אִיז דָא דִיבּוּרִים חַמִּים כְּגַחֲלֵי אֵשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כ).

נָאכְן דַאוֶוענֶען בִּין אִיךְ גֶעפָארְן מִיט הָאַבְרֵךְ הֶענִיךְ נֵרוֹ יָאִיר צוּ אַ לוֹיעֶר (עוֹרֵךְ דִין) עֶרְלֶעדִיגְן בְּנוֹגֵעַ דֶעם נַייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס מִיר בּוֹיעֶן יֶעצְט אִין אוּמַאן.

יֶעדֶע פָּאר מִינוּט זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ גֶעסְט מִכָּל קַצְוֵי תֵּבֵל, מֶען הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיט אַזַא שִׂמְחָה אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא, מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אוּמַאן, מֶען הָאט צֶעבְּרָאכְן דִי מְנִיעוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

*הֲנָחַת אֶבֶן הַפִּנָּה*

נָאכְמִיטָאג הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט אַ מַעֲמָד הֲנָחַת אֶבֶן הַפִּנָּה פַארְן נַייעֶם בִּנְיַן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס מִיר הוֹיבְּן יֶעצְט אָן בּוֹיעֶן, עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן וִוי שְׁנֶעל דִי קְהִילָּה צוּוַואקְסְט זִיךְ; וֶוער הָאט דָאס גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן, אַז שׁוֹין וֶועלְן מִיר דַארְפְן בּוֹיעֶן אַ גְרוֹיסֶער שׁוּל, וֶוען מִיט קוֹים אַפָּאר יָאר צוּרִיק, זֶעקְס יָאר צוּרִיק – הָאבְּן מִיר בַּאנֵייט דֶעם בִּנְיָן.

הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם הֶערְשׁ נֵרוֹ יָאִיר דֶער גַּבַּאי פוּן שְׁטֶעטְל הָאט אָנְגֶעפִירְט דֶעם מַעֲמָד, עֶר הָאט גֶערֶעדְט. נָאכְדֶעם הָאט אוֹיפְגֶעטְרֶעטְן הָאַבְרֵךְ יוֹאֵל הַכֹּהֵן רָאזֶענְבֶּערְג חַבֵר הַנְהָלָה, עֶר אִיז דֶער וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם גֶעדַאנְק פוּן בּוֹיעֶן דֶעם עֶרְשְׁטְן בִּנְיָן אוּן יֶעצְט דֶעם צְוֵוייטְן בִּנְיָן.

עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַפָּאר חֲבֵרִים אוּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי עֶרְשְׁטֶע גֶעלְט צוּ קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן מִיט דִי אַרְבֶּעט. דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם אֱלִי׳ פְרִידְרִיךְ, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן דִי גֶעלְט צוּ קוֹיפְן דִי שְׁטָחִים פַארְן בִּנְיָן. עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר זִיצְט אוֹיפְן פְלִיגֶער פוּן אוּנְטְן מִיט אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ זִיץ, פַארְוָואס קוֹיפְט עֶר נִישְׁט פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע קְלַאס זִיצְן? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״פַארְוָואס אוֹיסְגֶעבְּן שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר אַ וֶועג פוּן נַיין שָׁעָה, אִין דִי צַייט קֶען אִיךְ גֶעבְּן דִי גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד צוּ קֶענֶען קוֹיפְן שְׁטָחִים, בִּנְיָנִים, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לִיכְטִיגְקֵייט פַאר דִי וֶועלְט״.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אַפָּאר מִינוּט, אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט וָואס פַּאסִירְט פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, וִוי מֶען מַאכְט אִין הִימְל אַ גְרוֹיסֶע טְרַאסְק, אַ הַנָּחַת אֶבֶן הַפִּנָּה, פוּן יֶעדֶע שְׁטֵיינְדֶל, פוּן יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מִיר טוּעֶן.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶועֶן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְמַאטֶערְט, מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, מֶען דַארְף לִיגְן אִין בֶּעט - קֶען מֶען אִין בֶּעט שֶׁעפְּשֶׁען מִיט דִי לִיפְּן תְּפִילוֹת. דָאס טוּ אִיךְ אִין אוּמַאן, דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג וֶוען אִיךְ דַארְף אַבִּיסְל לִיגְן, זִיךְ אָפְּרוּעֶן - רֶעד אִיךְ אִין בֶּעט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ הָאַבְרֵךְ מֹשֶׁה אֵיינְהָארְן הָאט גֶענוּמֶען דִי זְכוּת פוּן דִי עֲשָׂרָה רִאשׁוֹנִים. עֶס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען וִוי אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען פַארְמֶעגְלִיךְ, בַּעֲלֵי בָּתִּים, פִירְן שֵׁיינֶע בִּיזְנֶעסֶער - קוּמֶען אִין אוּמַאן, טוּעֶן זִיךְ אָן שִׁירְצְלֶעךְ אוּן שְׁטֵייעֶן אִין קָאךְ, הֶעלְפְן קָאכְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

מוֹשִׁי אֵיינְהָארְן, פוּן וֶוען מֶען קוּמְט אָן, בִּיז יוֹם טוֹב - שְׁטֵייט עֶר אִין קָאךְ מִיט שְׁלוֹמִי יַאקָאבָּאוִויטְשׁ דֶער גַּבַּאי פוּן בֵּית הַתַּבְשִׁיל, זֵיי שְׁטֵייעֶן אוּן קָאכְן,

גְרֵייטְן אָן דֶעם יוֹם טוֹב. אוֹיךְ מַיין זוּן אַ כּוֹלֵל אִינְגֶערְמַאן שְׁטֵייט אִין קָאךְ, אוֹיךְ לֵייבִּי אַפֶּעל, הַבָּחוּר דוּדִי דֵייטְשׁ אוּן נָאךְ, אַלֶע אַרְבֶּעטְן בְּהִתְנַדְּבוּת, קֵיינֶער פַארְדִינְט נִישְׁט דָא אַ פְּרוּטָה, אָפְּגֶערֶעדְט דִי צְוֵויי גַבָּאִים, הָאַבְרֵךְ יְחֶזְקֵאל סַאמֶעט, אַ מְלַמֵּד אַ גַאנְץ יָאר בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר, אוּן הָאַבְרֵךְ הֶענִיךְ אִינְדִיג, חָבֵר הַנְהָלָה; דִי צְוֵויי אַרְבֶּעטְן אַ גַאנְץ יָאר פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַלֶעס בְּתוֹר הִתְנַדְּבוּת, זֵיי מַאכְן נָאךְ זֵייעֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס פְּרוּבִּירְט אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי כַּוָּנָה, צוּ בַּאקוּמֶען טַעֲנוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת.

מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אָן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, אוּן אוֹיף וֶועם גֵייט דִי טַעֲנוֹת? אוֹיף דִי גַבָּאִים; וָואלְט מֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט קֵיינֶעם, אוּן דִי וַואסֶער פַארְלֶעשְׁט זִיךְ, אָדֶער דִי לֶעקְטֶער - אִיז דָאךְ נִישְׁטָא אוֹיף וֶועם צוּ שְׁרַייעֶן, אָבֶער דָא אַז מֶען אִיז נָאנְט, מֶען קֶען זִיךְ - דֶעמָאלְט פַארְלִירְט מֶען זִיךְ, אוּן אַנְשְׁטָאט זָאגְן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער - קוּמְט אַרוֹיס דִי פְּנִימִיּוּת וְכוּ'.

אוֹיךְ הָאַבְרֵךְ הֶערְשִׁי כַּ"ץ אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן וָואס הָאבְּן גֶעגֶעבְּן פַארְן נֵייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

אוֹיךְ הָאַבְרֵךְ יִצְחָק רוֹטֶנֶער פוּן לֶעיקְוָואוּד, הָאַבְרֵךְ שַׁבְּתִי מִזְרָחִי פוּן שְׁטֶעטְל, הָאַבְרֵךְ מָרְדְּכַי אַהֲרֹן הֵיילְפְּרִין חָבֵר הַנְהָלָה פוּן שְׁטֶעטְל.

אוֹיךְ הָאַבְרֵךְ יוֹסֵף פְרִיעֶדְמַאן פוּן שְׁטֶעטְל הָאט גֶענוּמֶען דִי זְכוּת פוּן זַיין פוּן דִי עֲשָׂרָה רִאשׁוֹנִים. אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז אַז דִי וָואס גֶעבְּן - גֶעבְּן אִיבֶּערָאל; וֶוען מֶען בּוֹיט דִי חֵדֶר, וֶוען מֶען בּוֹיט אַ מִקְוֶה, וָואס מֶען בּוֹיט נָאר - נֶעמֶען זֵיי אַ טֵייל אִין דִי מִצְוָה.

אוֹיךְ הָאַבְרֵךְ אֱלִי' קֶנָאלל מִיט הָאַבְרֵךְ מְשׁוּלָּם פִּינְטֶער; זֵיי בֵּיידֶע קוּמְט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יִישַׁר כֹּחַ פַארְן אַהֶערְשְׁטֶעלְן דִי נְסִיעָה פַאר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִויפִיל מִי אוּן פְּלָאג זֵיי לֵייגְן אַריין אַ גַאנְץ יָאר אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ וֶועג פַאר אוּנְז מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. אִיךְ בִּין זֵיי זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְן הֶעלְפְן דִי קְהִילָה, אוּן דִי וָואס בַּארֶעדְן - רֶעדְן נָאר פוּן זִיךְ; וָואלְט מֶען גֶעפָארְן מִיט אַן אֵייגֶענֶעם פְּלַאן אוּן וֶוען עֶס קְלַאפְּט נִישְׁט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט - אִיז דָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אָבֶער וֶוען אֵיינֶער

הֶעלְפְט און מֶען אִיז נָאנְט צוּ יֶענֶעם - וֶוערְט יֶענֶער גְלַייךְ שׁוּלְדִיג אוֹיף אַלֶעס.

אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אַז אֵיינֶער דַארְף וִויכְטִיג עֶפֶּעס עֶרְלֶעדִיגְן און וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט, אוֹיבּ אִיז עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט - אִיז דִי וַוייבּ שׁוּלְדִיג, אִיז עֶר נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט - זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן שׁוּלְדִיג, און אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מִיט אִים - טְרֶעפְט עֶר שׁוֹין אֵיינֶעם וֶועם צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן.

אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ בִּין אִים זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְן מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי גַאנְצֶע קְהִילָה אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר.

אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן אַ טֵייל גֶענוּמֶען אִין זַיין פוּן דִי עֲשָׂרָה רִאשׁוֹנִים הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ לֵייגְן אַבִּיסְל לֵיים בַּיים פוּנְדַאמֶענְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן וָואס שְׁנֶעלֶער, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ פַאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן בּוֹיעֶן אַ דְרִיטֶער בִּנְיָן, נָאךְ אַ בִּנְיָן צוּ שְׁלָאפְן און עֶסְן. אִיךְ וִויל דָאס אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַאר דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ שְׁלָאפְן מִיט אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן אִין אֵיין צִימֶער אוֹיף בָּאנְק-בֶּעטְן, אִיךְ וִויל מַאכְן אַ בִּנְיָן סְפֶּעצִיעֶל בַּאקְוֶועם פַאר זֵיי.

***לֵיל זְכוֹר בְּרִית***

דָאנֶערְשְׁטָאג פַארְנַאכְטְס הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעלֶערְנְט נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא (קִידּוּשִׁין דַף לב). נָאכְן שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז מִיר זֶענֶען אִין אוּמַאן און מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ בַּטְלָ'ן דִי צַייט. נָאךְ מַעֲרִיב הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט צוּ זַיין אוֹיסְגֶערוּט.

צוּ סְלִיחוֹת אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אַבְרָהָם הֶערְשׁ נֵרוֹ יָאִיר, דֶער גַבְּאַי פוּן שְׁטֶעטְל. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶע'טוֹבֵל'ט אִין מִקְוֶה בַּיי אוּנְז אִין בִּנְיָן און גֶעגַאנְגֶען זָאגְן סְלִיחוֹת.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט בַּיי סְלִיחוֹת און גֶעהַאט אַ גוּטֶע הִתְבּוֹדְדוּת. יֶעדֶעס יָאר וֶוען עֶס קוּמְט לֵיל זְכוֹר בְּרִית כַאפְּט מִיר אָן אַ גֶעוֵויין וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן אִין זִיךְ, בִּפְרַט וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הוֹיבְּט אָן פָארְזָאגְן דִי פְּסוּקִים פוּן "אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה" מִיט דִי נוּסָח פוּן רֹאשׁ

הַשָּׁנָה - צֶערַייסְט עֶס דָאס הַארְץ אוּן מֶען קֶען זִיךְ זֵייעֶר גוּט אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

סְלִיחוֹת הָאט גֶענוּמֶען בְּעֶרֶךְ צְוֵויי שָׁעָה, פוּן אֵיינְס בִּיז דְרֵיי אַזֵייגֶער.

נָאךְ סְלִיחוֹת אִיז גֶעוֶוען פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, בִּיז פִיר אַזֵייגֶער.

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט גְמָרָא, זִיךְ פָארְגֶעקוּקְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא פוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט מַיינֶע זִין, נָאכְן לֶערְנֶען בִּין אִיךְ אַרוֹיף צוּם צִיוּן זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן זִיךְ מִשְׁתַּטֵּחַ זַיין מִיט וִודוּי דְבָרִים. דִי וֶועג צוּם צִיוּן פוּן אוּנְזֶער פְּלַאץ נֶעמְט צוּ גֵיין צוּפִיס אַבִּיסְל וֵוייניגֶער פוּן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, יוֹם טוֹב גֵייעֶן מִיר צוּם צִיוּן בֵּיידֶע טֶעג פַארְטָאגְס אוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז צוּגֶעשְׁטֶעלְט דוּרְךְ דִי גַבָּאִים פוּן דִי רֶענְט קָאמְפֵּיין אַ שָׁאטְל וָואס פָארְט יֶעדֶע צֶען מִינוּט, דָאס אִיז גְרִינְגֶער פוּן גֵיין אַ לַאנְגֶע וֶועג צוּפִיס.

דִי שָׁאטְל טְרָאגְט כִּמְעַט בִּיזְן צִיוּן, דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶס טְרָאגְן בִּיז דֶעם נֵייעֶם שֵׁיינֶעם פְּרַאכְטְפוּלֶער בִּנְיָן פוּן הָרַב ר׳ יִצְחָק שְׁלִיטָ״א, דִי יָאר הָאבְן דִי פָּאלִיצַיי פַארְמַאכְט דִי גַאס, אִיז דֶער שָׁאטְל גֶעבְּלִיבְּן אוֹיבְן בַּיים אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם גַאס.

*עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה*

נָאךְ שַׁחֲרִית הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם אַ בְּלַאט גְמָרָא (קִידוּשִׁין דַף לג).
נָאכְן שִׁיעוּר הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט יוּנְגֶע אוּן אַלְטֶע מִיט סִיוּמִים, אַ טֵייל הָאבְּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען שַׁ״ס, אַ טֵייל ד׳ חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, תִּיקוּנֵי זוֹהַר, כָּל כִּתְבֵי רַבֵּינוּ; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא תַּעֲנוּג צוּ זֶען וִוי רַייךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער מִקָטָן וְעַד גָדוֹל לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו).

נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ בִּיז חֲצוֹת, בַּיי חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעפַאסְט אוּן זִיךְ אַבִּיסְל אָרָאפְגֶעלֵייגְט צוּ זַיין אוֹיסְגֶערוּט פַאר יוֹם טוֹב.

*עֶרְשְׁטֶע נַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה*

בַּיים זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעצִינְדְן לִיכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה פַארְן עָמוּד. מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן בַּיים זְמַן אַזוֹי

ווי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מַטֵּה אֶפְרַיִם סִימָן תקפא, סְעִיף נז), מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ דַאוֶוענֶען דֶעם לֶעצְטְן תְּפִלָּה פוּן יָאר לֶענְגֶער ווי גֶעוֶוענְלִיךְ.

מַעֲרָבִית הָאט פָארְגֶעדַאוֶוענְט הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם הֶערְשׁ נֵרוֹ יָאִיר, דֶער גַבְּאַי אִין שְׁטֶעטְל. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְן פִּיוּט "אָחוֹת קְטַנָּה", מִיט דִי הֶערְלִיכֶע נוּסָח וָואס מֶען פְלֶעגְט הֶערְן בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם פִּיוּט מִיטְן נוּסָח שְׁנַיידְט אוֹיף אַ פַארְשְׁטָאפְּטֶע הַארְץ. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעוֵויינְט בַּיים זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "מָתַי תַּעֲלֶה בְּתֹךְ מִבּוֹר", וֶוען וֶועסְטוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דַיין טָאכְטֶער - נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל - פוּן גָלוּת-גְרוּבּ, "וּמִבֵּית כֶּלֶא, עֲלֵה תִשְׁבֹּר", פוּן אַרֶעסְט-הוֹיז זָאלְסְטוּ אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן; אִידְן זֶענֶען אַזוֹי טֵייעֶר אוּן אַזוֹי וואוֹיל, מִיט אַלֶע שְׁוֶוערֶע גָלוּת'ן וָואס מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער, "וּבְכָל זֹאת, לֹא מִמֵּךְ נָעוּ מַעְגְּלוֹתֶיהָ", מִיט דֶעם אַלֶעם טוּעֶן מִיר נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ בַּאשְׁרַייבְּן דִי גֶעפִילְן וָואס מֶען שְׁפִּירְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן, ווי מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי שִׂמְחָה, דִי לִיבְּשַׁאפְט - אִיז נִישְׁט אוֹיסְצוּהַאלְטְן, מֶען שְׁפִּירְט ווי מֶען גֵייט אוֹיס צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען בֶּעט: "זְמִירוֹת הַבַּת וְחֶשְׁקָהּ תַּגְבִּיר", מַאךְ שְׁטֶערְקֶער דָאס גְלוּסְטוּנְג פוּן דַיין טָאכְטֶער - דִי אִידְן, אוּן דָאס וִוילְן צוּ זִינְגֶען צוּ דִיר, "לַחְפֹּץ קִרְבַת דּוֹדָהּ", מִיר זָאלְן וֶועלְן נָאר דִיךְ, מִיר זָאלְן וֶועלְן נָאר נָאנְטְקֵייט צוּ דִיר בַּאשֶׁעפֶער, "וְתַעֲבִיר מִלֵּב דַּאֲבַת נַפְשָׁהּ", אוּן טוּ אָפּ פוּן אוּנְז דָאס וֵוייטָאג, נֶעם אַוֶועק פוּן אוּנְז דֶעם יֵצֶר הָרָע; אִיךְ פְּרוּבִּיר יֶעצְט צוּ גֶעדֶענְקֶען דִי גֶעפִיל וָואס מִיר הָאבְּן דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּירְט - אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ...

מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט "קַבָּלַת שַׁבָּת", דִי יָאר אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיסְגֶעפַאלְן אוֹם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם לְכָה דוֹדִי, בַּיי אוּנְז זִינְגְט מֶען דֶעם גַאנְצְן לְכָה דוֹדִי, מֶען לָאזְט נִישְׁט אוֹיס קַיין שְׁטִיקְלֶעךְ אוֹם שַׁבָּת וָואס גֶעפַאלְט יוֹם טוֹב, מֶען זִינְגְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

"לֹא תֵבוֹשִׁי" הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען מִיט אַ גְרוֹיס שִׂמְחָה, נָאכְדֶעם "מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת" - הָאט מֶען גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה; "טוֹב לְהוֹדוֹת לַה'",

ווי גוט אִיז צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּלְזַמֵּר לְשִׁמְךָ עֶלְיוֹן", אוּן צוּ זִינְגֶען צוּ אִים, אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם - "צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח", צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס בְּרֶענְגְט אוּנְז אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן לֶעבְּן - "לְהַגִּיד כִּי יָשָׁר ה'", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, "צוּרִי וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט. נָאכְדֶעם "ה' מָלָךְ". עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי זִיס דָאס דַאוֶוענֶען, עֶס הָאט גֶעשְׁנִיטְן דָאס הַארְץ. בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג אַז "קַדִּישׁ יָתוֹם" זָאגְט דֶער שְׁלִיחַ צִיבּוּר, נִישְׁט יְתוֹמִים.

*בָּרְכוּ*

דֶער חַזָּן הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן "בָּרְכוּ" אוּן דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ צוּזִינְגֶען דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה'דִיגֶער תְּנוּעָה. יֶעדֶער הָאט גֶעוֵוירְנְט פוּן שִׂמְחָה אַז מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין אַ נֵייעֶם יָאר, "תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ", מֶען הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אִין "גַן עֶדֶן", אַזוֹי זִיס, אַזוֹי הֵיילִיג גֶעוֶוען, אַזוֹיפִיל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, אַזוֹי רֵיין.

בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג אַז אַלֶע גֵייעֶן וַוייס, וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, וַוייסֶע קִיטְל, וַוייסֶע זָאקְן; מֶען זֶעט אוֹיס ווי מַלְאָכִים.

הָאבְרֵךְ שַׁבְּתִי מַארְקוּס דֶער גַבְּאַי פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג שׁוּל, עֶר הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ פְּתִיחַת הָאָרוֹן. עֶר הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט פְּתִיחַת הָאָרוֹן פוּן לְדָוִד מִזְמוֹר, נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט דֶער גַבְּאַי הַנַּ"ל אוֹיסְגֶערוּפְן אַז מֶען וֶועט ווִינְטְשְׁן לְשָׁנָה טוֹבָה אִינֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן שְׁטָאק, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדָה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

לְשָׁנָה טוֹבָה הָאב אִיךְ גֶעוִוינְטְשְׁן פַאר אַלֶעמֶען כִּמְעַט דִי זֶעלְבֶּע בְּרָכָה, מֶען זָאל הָאבְּן אַ יָאר פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ יָאר פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּשִׂמְחָה, אַ יָאר פוּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; וַוייל אִין דֶעם אִיז אַלֶעס תָּלוּי, אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא.): "דַּעַת קָנִיתָ, מַה חָסַרְתָּ", הָאסְט אֱמוּנָה? לֶעבְּסְט מִיט (דְּבָרִים ד, לה): "אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים, אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ", מַה חָסַרְתָּ - פֶּעלְט גָארְנִישְׁט, דָאס אִיז אַלֶע תְּפִילּוֹת וָואס מֶען

בֶּעט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "'זָכְרֵנוּ לְחַיִּים', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט דִיר, 'מֶלֶךְ חָפֵץ בְּחַיִּים', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל נָאר דִיךְ, 'וְכָתְבֵנוּ בְּסֵפֶר הַחַיִּים', פַּארְשְׁרַייבּ מִיךְ אִינֶעם סֵפֶר שֶׁל צַדִיקִים וָואס לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, 'לְמַעַנְךָ אֱלֹקִים חַיִּים'".

*דִי עֶרְשְׁטֶע סְעוּדָה*

מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת: "שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם", "רִבּוֹן הָעוֹלָמִים" בִּיז "מֶלֶךְ תָּמִים דַרְכּוֹ", "אֵשֶׁת חַיִל". אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט קִידוּשׁ אוּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דֶעם גַאנְצְן עוֹלָם אוּן גֶעטֵיילְט פַּאר אַלֶעמֶען קִידוּשׁ וַויין אוּן יֶעדְן אֵיינֶעם נָאכְאַמָאל גֶעווִינְטְשְׁן: "אַ זִיס יָאר".

דִי סְעוּדוֹת, דִי עֶסְן - אִיז גֶעוֶוען מָלֵא טַעַם. אַלֶעס אִיז גֶעקָאכְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיט אַסַאךְ תְּפִילוֹת. עֶס אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעגְרֵייט אַלֶע סִימָנִים; עֶפְּל, הָאנִיג, טֵייטְלֶען אוּן מִילְגְרוֹים. דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעמַאכְט אַן אִיבֶּערַאשׁוּנְג, עֶר הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט פוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, אַדְמוֹ"ר מִקַארְלְסְבּוּרְג - אַ שַׁאכְטְל הָאנִיג, דְבַשׁ חַי. עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט, מַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר דָאס גֶעבְּן בַּיינַאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה. דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, צוּ בַּאקוּמֶען אַ זַאךְ פוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, דָאס וַוייזְט אַז עֶר טְרַאכְט פוּן מִיר אוּן עֶר פְרֵייט זִיךְ אַז אִיךְ בִּין אִין אוּמַאן.

עֶלְף אַזֵייגֶער הָאבְּן מִיר גֶעעֶנְדִיגְט דִי סְעוּדָה, מֶען הָאט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אַרִיזַ"ל אוּן גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן. פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס אִיז שׁוֹין דִי מִקְוֶה גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט, פִינְף אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס אִיז גֶעוֶוען דִי גְמָרָא שִׁיעוּר (קִידוּשִׁין דַף לד). אַ הֶערְלִיכֶע מַחֲזֶה צוּ זֶען ווִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַארְטָאגְס זִיצְן הוּנְדֶערְטֶער אִידְן אוּן לֶערְנֶען גְמָרָא, אִיךְ ווִיל לַאדֶענֶען אַלֶע וָואס רֶעדְן קֶעגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן זָאלְן אֵיינְמָאל קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן ווִי הֵיילִיג דָארְט אִיז, ווִי עֶרְלִיךְ מֶען פִירְט זִיךְ, רוֹב אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ רֶעדְן נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג, מֶען אִיז בְּתַּעֲנִית הַדִבּוּר, אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס רֶעדְן - רֶעדְן נָאר דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת, יֶעדֶער אֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ מִיט אַ סֵפֶר; אֵיינֶער מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ צְוֵוייטֶער מִיט אַ גְמָרָא אוּן מִיט אַ תְּהִלִים.

נָאכְן דַף שִׁיעוּר זֶענֶען מִיר אִינְאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן, אַ וֶועג פוּן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה. בַּיים צִיּוּן בִּין אִיךְ גֶעשְׁטַאנֶען אַבִּיסְל אַרוּיפְצִיר, צְוִוישְׁן דִי סְפַרְדִי׳שֶׁע אִידְן, וואו זֵיי דַאוֶוענֶען. זֵיי הָאבְּן דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי פִּיּוּטִים פוּן פַאר הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן שַׁחֲרִית, זֵייעֶר נוּסַח הָאט מִיר גֶעעֶפְנְט מַיין הַארְץ, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעוֵויינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ גוּטֶע הִתְבּוֹדְדוּת.

*שַׁחֲרִית דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג*

פְּסוּקֵי דְזִמְרָה הָאט פָארְגֶעדַאוֶוענְט מַיין זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה שְׁלִיטָ״א, זֵייעֶר הַארְצִיג. שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעדַאוֶוענְט. דִי יָאר שַׁבָּת רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבְּן מִיר גֶעזִינְגֶען אוֹיף אֵ-ל אָדוֹן דִי הֶערְלִיכֶע נִיגוּן וָואס מֶען זִינְגְט אִין סַאטְמַאר. דִי מְלַמְּדִים ר׳ נַחְמָן נָתָן קְרוֹיס אוּן דִי שְׁנִיצְלֶער בְּרִידֶער הָאבְּן דָאס אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אַ הֶערְלִיכֶע קַאפֶּעלְיֶע.

עֶס דַארְף וֶוערְן אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט לְשֶׁבַח דִי חָשׁוּבְ׳עֶ מְלַמְּדִים וִוי זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. ר׳ נַחְמָן נָתָן קְרוֹיס, דִי שְׁנִיצְלֶער בְּרִידֶער - ר׳ יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף, ר׳ הֶערְשְׁל אוּן ר׳ בֶּערְל. אוֹיךְ ר׳ יוֹאֵל טֵייטְלְבּוֹים אוּן ר׳ יוֹאֵל פְּרִיעֶדְלֶענְדֶער. דֶער מְנַהֵל פוּן שְׁטֶעטְל ר׳ מָרְדְּכַי, אוּן ר׳ יְשַׁעְיִ׳ אֵיידְלִיס, אוּן אוֹיךְ דִי וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְּן טֵיילְן בַּיים דַאוֶוענֶען טִיקֶעטְס. אוֹיךְ דַארְף מֶען דַאנְקֶען הָאַבְרֵךְ אַהֲרֹן שְׁלֹמֹה שְׁוַוארְץ, דֶער גַבָּאַי פוּן אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין סְטֶעטְן אֵיילֶענְד, וִוי עֶר שְׁטֶעלְט צוּ פְּרָסִים, עֶר שְׁלֶעפְּט זִיךְ מִיט רֶענְצְלֶעךְ פְּרֵייזֶעס קַיין אוּמַאן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן בַּיים לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

דִי יוֹצְרוֹת הָאט מֶען דִי יָאר אוֹיסְגֶעדְרֵייט, מֶען הָאט גֶעזָאגְט דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג דִי יוֹצְרוֹת פוּנֶעם צְוֵוייטְן טָאג.

*קְרִיאַת הַתּוֹרָה*

ר׳ מָרְדְּכַי אִינְדִיג דֶער מְנַהֵל פוּן חֵדֶר אִין שְׁטֶעטְל הָאט גֶעלֵיינְט. דִי גַבָּאִים ר׳ שַׁבְּתַי אוּן ר׳ אָשֵׁר בֶּער הָאבְּן פַארְקוֹיפְט דִי עֲלִיּוֹת, דִי גֶעלְט גֵייט פַארְן בִּנְיָן אִין אוּמַאן. צְוֵויי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען פַאר דִי נֵייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע קִינְדֶער, הָאַבְרֵךְ שַׁבְּתַי מַארְקוּס אוּן הָאַבְרֵךְ שְׁלֹמֹה

אַפֶּעלְדָארְפֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן דִי נֶעמֶען. שְׁלֹמֹה אַפֶּעלְדָארְפֶער הָאט גֶעגֶעבְּן "פֵיגָא" נָאכְן רֶבִּינְ'ס מַאמֶע, אוּן שַׁבְּתִי הָאט גֶעגֶעבְּן "יְהוּדִית" נָאךְ אַ בַּאבֶּע.

### *תְּפִילַּת מוּסָף*

צוּ מוּסָף בִּין אִיךְ אוֹיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר אַפָּאר מָאל גֶעזָאגְט: "אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד תְּפִילַּת מוּסָף, אָבֶּער נָאכְנִישְׁט יֶעצְט", אִיךְ הָאבּ עֶס אָנְגֶענוּמֶען אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעוָואלְט מְרַמֵּז זַיין אוֹיף יֶעצְט, אַז אִיךְ זָאל דַאוֶוענֶען אוֹיךְ מוּסָף, דִי תְּפִילּוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת.

נָאכְן דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען אַ קִידּוּשׁ אִינְאֵיינֶעם מִיט סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מֶען הָאט גֶערֶעדְט בַּיים קִידּוּשׁ אַז מֶענְטְשְׁן קוּקְן אָן מָאדְנֶע דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר אִינְגֶעלַייט אַז זֵיי פָארְן אַוֶועק בַּיים הָאבְּן אַ קִינְד, דָאס אִיז נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. וָואלְט אֵיינֶער צוּגֶעזָאגְט אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט, הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער - וָואלְטְן אַלֶע גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעלָאזְט דִי וַוייבּ אַלֵיין גֵיין הָאבְּן דָאס קִינְד, קֵיינֶער וָואלְט נִישְׁט גֶעקְרוּמְט מִיט דִי נָאז, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען פָארְט צוּם צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג) "אַלֶע מוּזְן קוּמֶען" אוּן עֶר אִיז מְתַקֵּן יֶעדְן אֵיינֶעם אֲפִילוּ דֶעם וָואס עֶר קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין (שָׁם, סִימָן תז), נָאר דֶעמָאלְט קְרוּמְט מֶען מִיט דִי נָאז אוּן מֶען וֶוערְט אַ מְשׁוּגֶע'נֶער פַארְן אַוֶועק פָארְן.

### *סְעוּדָה דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג*

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט גֶעהָאלְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדָה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, פַאר יֶעדֶע סְעוּדָה אוּן נָאךְ יֶעדֶע סְעוּדָה צוּ אָנְגְרֵייטְן אוּן צוּ אַוֶועק פַּאקְן אוּן צוּרִיק שְׁטֶעלְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מֶען הָאט גֶעזֶען בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט הָאבְּן מִיט זֵייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ גֶעהָאלְפְן מִיט אַ שִׂמְחָה מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען מַאכְט אִין אוּמַאן אִיז אַ שִׁמּוּשׁ פַארְן רֶבִּי'ן אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

איךְ הָאבּ גֶעמַאכְט קִידוּשׁ אוּן גֶעטֵיילְט פַאר אַלֶעמֶען קִידוּשׁ וַויין אוּן יֶעדְן גֶעוִוינְטְשְׁן. בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען שֵׁיינֶע נִיגּוּנִים לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

*מִיטְל נַאכְט*

צְוִוישְׁן מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט, קוֹדֶם הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען אַפָּאר וַוארֶעמֶע נִיגּוּנִים. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דִי אֱמוּנָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן (אִיךְ הָאף מֶען וֶועט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן דִי שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט, אוּן אַלֶע שְׁמוּעֶסְן).

תְּפִילַּת מַעֲרִיב הָאט אוֹיךְ גֶעדַאוֶוענְט אַבְרָהָם הֶערְשׁ, דִי סְעוּדָה הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַלֶע טַעֲמִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען מֶער פְרֵיילִיךְ, דִינָא רַפְיָא. אַפָּאר אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעזִינְגֶען שְׁטִיקְלֶעךְ חַזָּנוּת. ר׳ חַייקְל אִיז גֶעוֶוען אַ חַזָּן בַּיים רֶבִּי׳ן, אֵיינְמָאל זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: ״חַייקְל זִינְג״, פְרֶעגְט עֶר דֶעם רֶבִּי׳ן: ״זִינְגֶען בַּעַל תְּפִילָה׳אִישׁ אָדֶער חַזָּנִ׳ישׁ?״ זָאגְט דֶער רֶבִּי: ״זִינְג חַזָּנִ׳ישׁ״.

מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי סְעוּדָה אוֹיךְ עֶלְף אַזֵייגֶער אוּן זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן צוּ זַיין אוֹיסְגֶערוּט, קֶענֶען דַאוֶוענֶען אוּן שׁוֹפָר בְּלָאזְן.

*צְוֵוייטֶע טָאג שַׁחֲרִית*

פִיר פִינְף אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי אִינְמִיטְן טָאג, אָנְגֶעפִילְט מִיט מֶענְטְשְׁן. מִיר הָאבְּן פָארְגֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא (קִידוּשִׁין דַף לה-לו) אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן, אַלֶעס אַזוֹי וִוי דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג.

צוּ פְּסוּקֵי דְזִמְרָא אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים שְׁלִיטָ״א, זֵייעֶר הַארְצִיג גֶעדַאוֶוענְט.

שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען הִיבְּשׁ שְׁוֶוער צוּ שְׁטִיקְן דָאס וֵויינֶען, בִּפְרַט דִי שְׁטִיקְל אָנְהוֹיבּ הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה: ״אָתִיתִי לְחַנְּנָךְ בְּלֵב קָרוּעַ וּמֻרְתָּח״, דֶער שְׁטִיקְל אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פָאר צוּ זָאגְן, וַוייל סֵיי דִי וֶוערְטֶער אוּן סֵיי דִי נוּסָח שְׁנַיידְן אַזוֹי אַרַיין אִין הַארְץ, מֶען וִויל אוֹיסְפְּלַאצְן בַּיי יֶעדֶע וָוארְט אִין אַ גֶעוֵויין, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט וֵויינֶען בַּיים עָמוּד, מֶען דַארְף זָאגְן קְלָאר שֵׁיין דִי וֶוערְטֶער.

## *תְּקִיעַת שׁוֹפָר*

אִיךְ בִּין גֶעלָאפְן זִיךְ טוֹבֵל'ען אִין מִקְוֶה פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר. מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִינֶעם מַחְזוֹר: "אִם יֵשׁ מִקְוֶה בְּתוֹךְ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ תֵּרֵד וְתִטְבֹּל בְּמִקְוֶה טָהֳרָה לְתוֹסֶפֶת קְדוּשָּׁה", אוֹיבּ אִיז דָא אַ מִקְוֶה אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ - זָאל מֶען גֵיין זִיךְ טוֹבֵל'ען צוּ בַּאקוּמֶען נָאךְ מֶער קְדוּשָּׁה. מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: "לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי קֹרַח מִזְמוֹר".

יֶעדֶע מָאל עֶס קוּמְט צוּ תְּקִיעַת שׁוֹפָר כַאפְּט מִיר אָן אַ פַּחַד וְאֵימָה, עֶס צִיטֶערְן מִיר מַיינֶע אֵיבָרִים. אוֹיךְ דִי אַלֶע לְשֵׁם יִחוּד'ס אוּן יְהִי רָצוֹן'ס וָואס דֶער בַּעַל תּוֹקֵעַ זָאגְט, דָאס זָאג אִיךְ בִּשְׁעַת מֶען פַארְקוֹיפְט דִי עֲלִיּוֹת אוּן בִּשְׁעַת דֶער גַבְּאַי מַאכְט דִי מִי שֶׁבֵּרַךְ'ס, וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן דֶעם עוֹלָם.

דִי תְּקִיעוֹת דִמְיֻשָּׁב הָאבּ אִיךְ גֶעבְּלָאזְן. וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואלְט מִיךְ נִישְׁט גֶעהֵייסְן בְּלָאזְן שׁוֹפָר וָואלְט אִיךְ גֶעצִיטֶערְט צוּ בְּלָאזְן שׁוֹפָר בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס קִיבּוּץ, אָבֶער אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי שׁוֹפָר צוּ בְּלָאזְן פַאר דְרֵיי יָאר אוּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי כַּוָּנוֹת וָואס צוּ מְכַוֵּון זַיין - אוֹיף דֶעם סְמַךְ בְּלָאז אִיךְ שׁוֹפָר.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אַפָּאר דִיבּוּרִים פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְשַׁאצְן, מֶען זָאל וִויסְן אַז אֵיין קְלֵיין וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט אַרוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ אִין הִימְל, אַז מֶען זָאגְט: "טַאטֶע, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, טַאטֶע הֶעלְף מִיר" - דָאס מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין הִימְל. מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִינֶעם דַף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְדֶערְפְרִי: "רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר, בֵּין כַּךְ וּבֵין כַּךְ", סַיי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף גוּט אוּן סַיי מֶען אִיז נִישְׁט וואוֹיל - "אַתֶּם קְרוּיִם בָּנִים", זֶענֶען מִיר קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַ טַאטֶע וַוארְפְּט נִישְׁט אַוֶועק קַיין קִינְד, "מוֹרַי וְרַבּוֹתַי, לָאמִיר זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע מִינוּטְן".

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר, וָואס דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט, אַז דִי וָוארְט שׁוֹפָר גֵייט אַרוֹיס פוּנֶעם פָּסוּק: "שֹׁ'רֶשׁ פֹּ'רֶה רֹ'אשׁ וְ'לַעֲנָה" (דְּבָרִים כט, יז), אַז שׁוֹפָר נֶעמְט אַרוֹיס דִי רִשְׁעוּת וָואס לִיגְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן בַּיי תְּקִיעַת שׁוֹפָר קֶען

מֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ אוֹיסְוַואשְׁן דָאס הַארְץ, אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע פַּיינְטְשַׁאפְט וָואס מֶען הָאט צוּ אַנְדֶערֶע. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוֵוייְנְט אוּן גֶעבֶּעטְן: "אוֹיבּ אִיז דָא אִין שׁוּל אֵיינֶער וָואס הָאט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן בֶּעט אִיךְ אִים עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן שׁוּל", אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן פַּיינְט הָאבְּן, מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, זוֹכְן גוּטְס בַּיים צְוֵוייטְן אוּן זִיךְ מוֹחֵל זַיין.

דֶער בַּעַל מַקְרִיא אִיז גֶעוֶועוְן רֶבִּי מָרְדְּכַי אִינְדִיג אוּן דֶער בַּעַל תּוֹקֵעַ בַּיי תְּקִיעוֹת דִּמְעֻמָּד אִיז גֶעוֶועוְן דֶער דַּיָּין שְׁלִיטָ"א. עֶס אִיז גֶעוֶועוְן אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועוְן, אַלֶע הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אַלֶע הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיךְ דָאס יָאר.

נָאךְ דִי תְּקִיעוֹת זָאגְט מֶען דִי פְּסוּקִים פוּן "אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה, בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן, כִּי תִפְאֶרֶת עֻזָּמוֹ" - מִיט אַ הַארְץ רַייסֶענְדֶע נוּסָח פוּן בְּרֶסְלֶב, דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט דֶעמָאלְט פָּאר - אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן, אַ שְׁטֵיין קֶען צֶעגֵיין.

תְּפִלַּת מוּסָף הָאבּ אִיךְ פָּארְגֶעדַאוֶונְט. דֶער דַּיָּין שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעבְּלָאזְן דִי תְּקִיעוֹת, אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה כָּל זֹאת, דִי הֶערְלִיכֶע דַאוֶונֶען מִיט דִי בֶּענְקְשַׁאפְט וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ תְּקִיעָה גְדוֹלָה, דִי טֶענְץ פוּן תִּתְקַבֵּל, ווִי דִי גַאנְצֶע שׁוּל הוֹיבְּט זִיךְ אִין דִי לוּפְט - אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף זֶען דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דִי אִינְגֶעלַייט חֶזְקִי, הֶענִיךְ אוּן שְׁלוֹמִי הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי צֶערִיסְן אַז אַלֶעס זָאל קְלַאפְּן, דִי סְעוּדוֹת אוּן אַלֶעס; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי גֶעבְּן אַ זִיסֶע יָאר. דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי אַלֶע תְּפִילוֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶער קִיבּוּץ זָאל זֵיי זַיין פַאר אַ זְכוּת.

***צְוֵוייטֶע טָאג סְעוּדָה***

דִי סְעוּדָה אִיז גֶעוֶועוְן הֶערְלִיךְ שֵׁיין, יֶעדֶער אִיז גֶעוֶועוְן פְרֵיילִיךְ אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען גֶעוֶועוְן בַּיים רֶבִּי'ן, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעטַאנְצְן, אוֹיךְ בַּיי דִי סְעוּדָה הָאבְּן אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים גֶעזִינְגֶען הֶערְלִיכֶע חַזָנִ'ישֶׁע שְׁטִיקְלֶעךְ.

### *תַּשְׁלִיךְ*

דִי יָאר אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען תַּשְׁלִיךְ דֶעם צְוֵוייטְן טָאג, וַוייל דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת. דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס מֶען גֵייט תַּשְׁלִיךְ פַאר מִנְחָה, עֶס שְׁטֵייט מֶען זָאל גֵיין נָאךְ מִנְחָה; אִיךְ מַאךְ אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבְּ גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ. לְכְאוֹרָה וַוייל עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דָאס דַאוֶונֶען מִנְחָה מַעֲרִיב דְרָשָׁה - אוֹיף אֵיינְמָאל.

מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן נָאכְן זָאגְן תַּשְׁלִיךְ, דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס.

### *גֶעזֶעגֶענֶען*

נָאךְ תַּשְׁלִיךְ הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה, נָאךְ מִנְחָה הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט אַבִּיסְל. קוֹדֶם הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען אַפָּאר שֵׁיינֶע נִיגוּנִים, דֶער נִיגוּן "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר", דֶער נִיגוּן "אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט" אוּן דֶער נִיגוּן "מִי לִי בַשָּׁמַיִם", מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶועןן מֶען זָאל אַהֵיים נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אַ אִיד, נָאר אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט לֵצִים, נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן, זַיין דָבוּק מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת, אוּן אֵיינֶער קוּמְט אוּן גֶעבְּט אַ מַאךְ אַ תְּנוּעָה פוּן בִּיטוּל מִיט זַיין יַד הַקְטַנָּה אוּן דָאס אִיז מְעַכֵּב מִלְּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קלג).

נָאכְן שִׁיעוּר הָאט מֶען זֵייעֶר גֶעטַאנְצְן: "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ".

תְּפִילַת מַעֲרִיב הָאט פָארְגֶעדַאוֶוענְט מָרְדְכַי רָאזֶענְפֶעלְד, עֶר דַאוֶוענְט זֵייעֶר שֵׁיין, אוֹיךְ הָאט עֶר אָנְגֶעפִירְט דִי קַאפֶּעלְיֶע בַּיי אַלֶע סְעוּדוֹת.

הַבְדָלָה הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט פַארְן זְמַן. אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶערוּפְן אַז דֶער דַיָּין

שְׁלִיטָ"א הָאט גֶע'פַּסְקְ'נְט מֶען קֶען מַאכְן הַבְדָלָה אוֹיפְן כּוֹס פַארְן זְמַן, הֱיוֹת מֶען יָאגְט זִיךְ זֵייעֶר, מֶען דַארף אַרוֹיסְפָארְן בִּיז אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, אָבֶער מֶען זָאל נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם מְלָאכָה פַארְן זְמַן.

***אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים***

גְלַייךְ נָאכְן זְמַן, נַיין אַזֵייגֶער, זֶענֶען מִיר אַלֶע גֶעוֶוען אוֹיף דִי בָּאסֶעס, אַפָאר הוּנְדֶערְט אִידְן מִיט קִינְדֶער, מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן אוֹיף אַ לַאנְגֶע נְסִיעָה פוּן צֶען שָׁעָה. מֶען הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִינְמִיטְן וֶועג עֶפֶּעס עֶסְן, עֶפֶּעס טְרִינְקֶען, דֶער עוֹלָם אִיז גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אָבֶער וִויפִיל אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט בַּיים עוֹלָם הָאט קֵיינֶער נִישְׁט חֲרָטָה גֶעהַאט פַארְן קוּמֶען, אַלֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז קוּמֶענְדִיגֶע יָאר קוּמֶען מִיר נָאכְאַמָאל, מֶען מַאכְט שׁוֹין תְּפִלָּה פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן מִיט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

פַארְן גְרֶענִיץ הָאט מֶען אוּנְז אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט. אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעכַאפְּט מַיין טַלִּית וּתְפִילִין אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען; אִיךְ וֵוייס שׁוֹין פוּן אַלֶע יָארְן אַז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס דַארְף מֶען וָואס פְרִיעֶר דַאוֶוענֶען, וַוייל וִוי לֶענְגֶער מֶען וַוארְט - וֶוערְט מֶען נָאר מֶער אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט, אוּן וֶוער וֵוייסְט צִי מֶען וֶועט הָאבְּן כֹּחַ בִּכְלַל צוּ דַאוֶוענֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט בִּיְחִידוּת אוּן וִוי נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ פָארְן צוּם גְרֶענִיץ.

דִי אוּקְרֵיינֶע גְרֶענִיץ אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ שְׁנֶעל, עֶס הָאט גֶענוּמֶען בְּעֶרֶךְ אַ שָׁעָה, אָבֶער נָאכְדֶעם, דִי פּוֹילִישֶׁע גְרֶענִיץ - הָאט גֶענוּמֶען אִיבֶּער צְוֵויי שָׁעָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען הִיבְּשׁ שְׁוֶוער דָאס וַוארְטְן, מֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ שׁוּרָה בָּאסֶעס, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע, דִי וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶער מִיר הָאבְּן גֶעוַוארְט נָאךְ לֶענְגֶער. בְּעֶרֶךְ עֶלְף אַזֵייגֶער זֶענֶען מִיר אַרִיבֶּער דִי גְרֶענִיץ, מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן פוּן מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב נַיין אַזֵייגֶער בִּיז צוּם גָדְלְיָ' עֶלְף אַזֵייגֶער, אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן פֶערְצְן שָׁעָה, מִיר הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ הָאטֶעל, מִיר אִיז שִׁיעוּר שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מַיין זוּן שְׁלֹמֹה זָאל מִיר מַאכְן אַ קַאוֶוע, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אוֹיסְפַּאסְטְן, לְמַעֲשֶׂה בִּיז עֶר אִיז

גֶעקוּמֶען מִיט דִי קַאוֶוע אִיז מִיר בֶּעסֶער גֶעוָוארְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט ׳אִיךְ וֶועל שׁוֹין אוֹיסְפַּאסְטְן אוֹיפְן פְּלִיגֶער לוֹיטְן זְמַן פוּן פּוֹילְן׳, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ גֶעשְׁלָאפְן דֶעם גַאנְצְן וֶועג אַהֵיים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְוֶועקְט פִּינְף מִינוּט פַארְן זְמַן רַבֵּנוּ תָּם, אִיךְ הָאבּ שְׁנֶעל גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה אוּן אוֹיסְגֶעפַּאסְט.

גֶעהֵייסְן הָאט עֶס מִיר וֶועלְן אַרוֹיסְפָּארְן פוּן רֵיישָׁא פִּיר אַזֵייגֶער, לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אַלֶעס פַארְשְׁלֶעפְּט וַוייל אֵיינֶע פוּן דִי בָּאסֶעס הָאבְּן מִיטְגֶענוּמֶען צוּגַארֶעטְלֶעךְ אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט מוֹדֶה זַיין וֶועמֶענְס עֶס אִיז. דָאס הָאט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע עוֹלָם, מֶען אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן שְׁפֶּעטֶער אוּן מִיט נִסִּים זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען נַיין אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט.

מַעֲרִיב הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט אִין עֶירְפָּארְט אוּן הַבָּחוּר דָוִד טְשִׁינַאגְל הָאט מִיךְ אַהֵיימְגֶענוּמֶען.

אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צֶען דְרַייסִיג בַּיינַאכְט, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט שְׁרַייבְּן דִי זִכְרוֹנוֹת פוּן דִי נְסִיעָה.

*אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין*

עֶס אִיז דָא אַ נִיגוּן ״אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים, צוּזַאמֶען בַּיים רֶבִּי׳ן פַארְבְּרֶענְגְט, אוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, אוֹי דָאס הַארְץ עֶס בֶּענְקְט...״

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיךְ: ׳בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר׳, אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיךְ ׳רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיךְ ׳הָאסְט קֵיינֶעם נִישְׁט, נִישְׁטָא קַיין חֲבֵרִים, נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס קֶען דִיר הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר עֶר אִיז מִיט דִיר אוּן וֶועט זַיין מִיט דִיר׳; אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט מִיךְ אוֹיסְדֶערְוֶועלְט אוּן מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם צַדִּיק אֱמֶת וָואס בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּ לֶעבְּן מִיט דִיר אוּן שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר.

*

יֶעצְט בַּיים עֶנְדִיגְן שְׁרַייבְּן דֶעם לַאנְגְן בְּרִיוו הֶער אִיךְ דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז

עֶס אִיז דִיר גֶעבּוֹירְן אַ בֶּן זָכָר, אַ בְּכוֹר לְמַזָּל טוֹב. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין לְהַכְנִיסוֹ בִּבְרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ בְּעִתּוֹ וּבִזְמַנּוֹ, וּלְגַדְּלוֹ לְתוֹרָה וּלְחֻפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין אֵשֶׁת חַיִל.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

***

אֵיין זַאךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן אוּן פוּן אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר זָאלְט אִיר מֶער נִישְׁט הֶערְן קַיין נֵייעֶס. דִי נֵייעֶס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן בַּאשֶׁעפֶער, עֶס מַאכְט קַאלְיֶע דִי אֱמוּנָה. אוֹיךְ דִי אִידִישֶׁע נֵייעֶס, דִי הַאטְלֵיינְס, ווִי קוֹל מְבַשֵּׂר אוּן אַנְדֶערֶע סָארְט נֵייעֶס; עֶס מַאכְט צֶעדְרֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ. דִי אַלֶע וָואס הֶערְן דֶעם קוֹל מְבַשֵּׂר - דִי אַלֶע לֶעבְן אִין פַּאנִיק אוּן פַּחַד, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס זֵיי זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן פוּן דִי מִלְחָמָה אִין רוּסְלַאנְד מִיט אוּקְרֵיינֶע, דִי גוֹי'אִישֶׁע נֵייעֶס רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם טָאג טֶעגְלִיךְ, ווִידֶערְאוּם זֵיי בָּאמְבָּאדִירְן אוּן גְרַאגֶערְן אִין קָאפּ, אוּן וֶוען מִיר זֶענֶען יֶעצְט גֶעוֶועזְן אִין אוּמַאן אִיז נִישְׁטָא קַיין זֵכֶר פוּן מִלְחָמָה, אַלֶע וָואס פְרֶעגְן מִיר: "בִּיסְט גֶעוֶועזְן אִין אוּמַאן? וָואס אִיז מִיט דִי מִלְחָמָה?" עֶנְטְפֶער אִיךְ: "דִי מִלְחָמָה אִיז אִין קוֹל מְבַשֵּׂר, 'וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף'" (וַיִּקְרָא כו, לו).

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אוּן אַלֶע וָואס הֶערְן מִיךְ צוּ: "גֶעעֶנְדִיגְט מִיט אוֹיסְהֶערְן נֵייעֶס, דָאס לֶעבְן וֶועט דִיר בֶּעסֶער וֶוערְן אוּן גְרִינְגֶער וֶוערְן".

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין קַיין צֵייטוּנְגֶען, זָאל זַיין אֲפִילוּ פוּן פְרוּמֶע פַּארְטֵייעֶן, נֶעם נִישְׁט אַרַיין קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג אָדֶער מַאגֶעזִין אִין שְׁטוּב. שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן פַּאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...



בס"ד
בשורה טובה ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו אמונה
הערליכע בריור, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com